**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/1/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פארלאנג פיזישע דיזעסטער דעקלעראציע פון קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע פאר רענעסעלער, אטסעגא, און ניאגארא קאונטיס

***נאך שווערע וועטער פאסירונג בעט גאווערנער עמטליך פאר פעדעראלע הילף***

***ווען באוויליגט וועט דעקלעראציעס ערמעגליכן באטראפענע מענטשן, פאמיליעס, ביזנעסער און נאן-פראפיטס זיך צו ווענדן פאר נידעריגע אינטערעסט לאָונס צו העלף דאס זיך צוריקשטעלן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז זי האט פארלאנגט פיזישע דיזעסטער דעקלעראציע פון דער קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע פאר רענעסעלער, אטסעגא, און ניאגארא קאונטיס. די פארלאנגען זענען פארבינדן מיט שווערע וועטער פאסירונגען וועלכע האבן גערבערנגט שאדנס צו היימען און ביזנעסער. דער סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס האט זיך אנגעשלאסן מיט עמערדזשענסי סערוויסעס באאמטע אין רענעסעלער, אטסעגא, און ניאגארא קאונטיס איבערצוקוקן די שאדנס אין די אפעקטירטע קאמיוניטיס נאך די פאסירונגען. ווען די דעקלעראציעס ווערן געגעבן ווערן וועלן באטראפענע יחידים, פאמיליעס, ביזנעסער, און נאן-פראפיטס זיין בארעכטיגט פאר נידעריגע-אינטערעסט לאָונס פון דעם קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע צו העלפן זייער ערהוילונג.

"די נאטורליכע דיזעסטערס האבן צושטערט די לעבנס פון ניו יארקערס, אבער מיר ארבעטן צו העלפן אונזערע קאמיוניטיס זיך צו ערהוילן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך פארלאנג די דיזעסטער דעקלעראציעס כדי אז די באטראפענע ניו יארקערס זאלן קענען באקומען די הילף וואס זיי דארפן אויף זיך צוריקצושטעלן אויף די פיס און צוריק שטעלן זייערע היימען און ביזנעסער."

קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע לאָונס שטעלן צו הילף פאר בארעכטיגטע היים אייגנטימער, דינגערס, ביזנעסער, און אנדערע וועלכע נויטיגן זיך אין פינאנציעלע שטיצע נאכפאלגנדיג עמערדזשענסיס אדער וועטער-פארבינדענע דיזעסטערס.

אויפ'ן אנגענומען ווערן וועלן די פאלגענדע גרופעס פון 18 קאונטיס קענען זיין בארעכטיגט צו באקומען הילף פון SBA לאָונס:

- היים אייגנטימער: געלטער אויף צו פארריכטן און אדער אויסטוישן געשעדיגטע ריעל עסטעיט.
- היים אייגנטימער און דינגער: געלטער אויף צו פארריכטן און אדער אויסטוישן געשעדיגטע פערזענליכע פארמעגנס.
- ביזנעס אייגנטימער: געלטער אויף צו ערזעצן ריעל עסטעיט, אינווענטארי, מאשינען, אויסריכטונגען, און אנדערע פיזישע פארלוסטן.
- ביזנעסער און נאן-פראפיטס: עקאנאמישע וואונד דיזעסטער לאָונס צוצושטעלן נויטיגע ארבעט קאפיטאל ביז געווענליכע אפעראציעס וועלן ווייטער פארזעצן נאך א דיזעסטער.

נאכ׳ן באוויליגן וועט דער קלענערע ביזנעס אדמיניסטראציע ארבעטן מיט די פארשידענע קאונטיס אויפצושטעלן פארבינדונגס פונקטן און דורכפירן ארויסזוך אקטיוויטעטן צו אינדיווידיועלע היים און ביזנעס אייגנטימער וועלכע זענען באטראפן געווארן דורך דער סעריע וועטער פאסירונגען.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישענער פעטריק א. מורפי האט געזאגט,** "נאכפאלגנדיג די יולי וועטער פאסירונגען האט אונזער טיעם געארבעט אויף דער ערד מיט די מיטארבעטער אין קאונטי רעגירונג צו אפשאצן שאדנס אין זייערע פארשידענע קאונטיס מיט׳ן ציל אויף צו אידענטיפיצירן ערטער וועלכע נויטיגן זיך פארלייכטערונג. מיר האבן און מיר וועלן ווייטער פארזעצן צו שטיצן די קאמיוניטיס מיט רעסורסן זיי צו העלפן זיך ערהוילן און איבערבויען."

**פארלאנג פאר רענעסעלער קאונטי**

נאכפאלגנדיג א שווערע וועטער פאסירונג אום יולי 14 אין רענעסעלער קאונטי איז געווען גרויסע שאדנס צו 18 היימען און 9 ביזנעסער אין סך הכל פון 1,895,000 דאלער. מינדערוויכטיגע שאדנס זענען אויך אידענטיפיצירט געווארן אין 281 היימען און 14 ביזנעסער אין סך הכל פון 2,300,000 דאלער. אויב דער דעקלעראציע וועט באוויליגט ווערן פאר רענעסעלער קאונטי וועט עס ארייננעמען די באהאפטענע קאונטיס פון אלבאני, קאלומביע, גרין, סאראטאגע, און וואשינגטאן.

**פארלאנג פאר אטסעגא קאונטי**

נאכפאלגנדיג א שווערע וועטער פאסירונג פון יולי 16 ביז יולי 19 אין אטסעגא קאונטי איז געווען גרויסע שאדנס צו 19 היימען און 9 ביזנעסער אין סך הכל פון 845,000 דאלער. מינדערוויכטיגע שאדנס זענען אויך אידענטיפיצירט געווארן אין 32 היימען און 1 ביזנעס אין סך הכל פון 255,000 דאלער. אויב דער דעקלעראציע ווערט געגעבן פאר אטסעגא קאונטי וועט עס ארייננעמען די באהאפטענע קאונטיס פון שאוהארי, דעלעווער, טשענאנגא, מאדיסאן, אָניידע, הערקימער, און מאנטגאמערי.

**פארלאנג פאר ניאגארא קאונטי**

נאכפאלגנדיג א שווערע וועטער פאסירונג אום יולי 20 אין רענעסעלער קאונטי איז געווען גרויסע שאדנס צו 29 היימען אין סך הכל פון 542,000 דאלער. מינדערוויכטיגע שאדנס זענען אויך אידענטיפיצירט געווארן אין 1,122 היימען און 35 ביזנעס אין סך הכל פון 11,715,000 דאלער. אויב ווערט דער דעקלעראציע באוויליגט פאר ניאגארא קאונטי וועט עס אויך ארייננעמען די באהאפטענע קאונטיס פון ערי, דזשענעסי, און ארליענס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן